יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 165 | Łódź, Poniedziałek, 16 lipca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ד׳ מנחם אב תרצ״ד | № 165

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ערב מאסען=שחיטות אין דייטשלאנד

## דערשאסען א מיטגליד פון דער בייערישער קעניגליכער פאמיליע

לאנדאן, 15. (ספ. טעל.) דער „דיילי טעלעגראף" מעלדעט אז די לאגע אין דייטשלאנד, ספעציעל אין בייערן, איז גאר ערנסט. מען האט מורא פאר געגענזייטיגע מאסען־שחיטות פון די געוועזענע שטורמיסטען און די איצטיגע היטלעריסטישע פאליציי־אגענטען.

ווין. 15. (ספ. טעל.) אן אומגעהויערען רושם האט אין די קרייזען פון די קאטוילישע פיהרער און פון העל געמאכט די ידיעה אז איז מיבכען איז דערשאסען געווארען לויט היטלערס בעפעהל דער בערי־המטער קאטוילישער פיהרער און באהענטער פריינד פון געוועזענעם בייערישען קעניגליכען הויף, באראן פאן גוטענבערג. דער דערשאסענער איז געווען פערהייראט מיט דער טאכטער פון מיטגליד פון דער בייערישער קעניגליכער פאמיליע פירשט פאן שווארצענבערג. עס ווערט ערקלערט אז דער דערשאסענער האט געוואלט פיהרען אן אגיטאציע אפצורייסען דאס קאטוילישע בייערן פון דייטשלאנד און עס פעראייניגען מיט עסטרייך און שאפען א דייטש־קאטוילישע מלוכה אונטער דער פיהרונג פון געוועזענעם בייערישען קרוין־פרינץ.

## בלוטיגע דעמאנסטראציע נעבען ווין

ווין, (ספ. טעל.) אין דעם יאהרטאג פון 15. יולי 1927 האבען זיך סאציאל דעמאקראטען און קאמוניסטען געפרובט איינצוארדנען מאניפעסטאציעס.

אין ווין האט פאליציי נישט דערלויבט צו די דעמאנסטראציעס. דאגעגען האט אין דער סביבה פון ווין, אין דער געגענד קאלטענלויטגעבען, דאס צוטרייבען פון אזא מאניפעסטאציע געקאסט דאס לעבען פון 2 דעמאנסטראנטען. עס זענען נאך שווער פערוואונדעט געווארען איין פאליציאנט און איין דעמאנסטראנט.

## ווען א באנדיטען-באנדע מאכט זיך גאפעוואטע...

בערלין, 15 (ספ. טעל.) די פאליציי־דירעקציע אין נירענבערג האט די פאריגע וואך ארעסטירט 45 פערזאן, וועלכע האבען פערשפרייט פאלשע (ס׳רעדט זיך אזוי — פאלשע...) קלאנגען אין שייכות מיט די געשעהענישען פון 30־טען יוני.

זיי ווערען צוגעצויגען צו גערינכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

## שלעזישע רבנים פאר סטאווסקים בעפרייאונג

### ארויסגעשיקט דעפעשען קיין א״י און צום פוילישען קאנסול

ווארשא, 15 (יט״א טעלעפאניש)

דער פערבאנד פון די שלעזישע רבנים, האבען ארויסגעשיקט א טעלעגראמע קיין ארץ־ישראל, אין וועלכער ס׳ווערט געזאגט, אז די רבנים פון דער שלעזישער וואיעוואדזטווע שליסען זיך אן אין דער סטאווסקי אקציע פון הרב קוק. די שלעזישע רבנים דרוקען דערביי אויס די האפנונג, אז ס׳וועט דאך בעוויזען ווערען סטאווסקים אומשולד.

א קאפיע פון דער טעלעגראמע איז איבערגעשיקט געווארען צום פוילישען קאנסול אין ירושלים.

## ארום דער נייער סענסאציאנעלע ווענדונג אין סטאווסקי=פראצעס

ירושלים, 15. (ספ. טעל.

די סענסאציאנעלע שריפטליכע ערקלערונג וואס איז בייגעלייגט געווארען אונטער א שבועה פארן געריכט דורכן בערי־המטען אדוואקאט עליאש, אז אבדול מעדזשיד האט זיך פאר איהם א צווייט מאל מודה געווען, אז איסא דערוויש און ער האבען ערמארדעט דעם ד״ר ארלאזאראוו — האט דא גע מאכט א געוואלדיגען רושם.

וועגען דער דאזיגער באמת סענסאציאנעלער מיטטיילונג פון אדוו. עליאש, וועלכע איז בעתן סטאווסקי־פראצעס ארויסגעטרעטען אלס ציוויל — מאהנער מצד דער פרוי ארלאזאראוו, האט די ארץ ישראל פרעסע ארויסגעלאזט פרייטאג ביישאג עקסטרא־ביילאגעס. וואס זענען מאמענטאל פערקויפט געווארען.

די ארץ־ישראל פאליציי אונטער דער אנפיהרונג פון קאמיסאר ספייסער, האט איצט צוליב דער מיטטיילונג פון אדוו. עליאש אנגעהויבען א נייע אויספארשונג. בעטען איז פערהערט געווארען דורך דער פאליציי אבדול מעדזשיד און שפעטער איסא דערוויש, ס׳איז בישט אויסגעשלאסען אז דער אפעלאציע־פראצעס וואס האט זיך געהאלט אנהויבען מארגען, זאל צוליב דעם אפגעלעגט הערען.

א גרויסע שוועריגקייט אין דער נייער אויספארשונג איז דאס, וואס די פרוי ארלאזאראוו איז ארויסגעפאהרען פון ארץ־ישראל. זי געפינט זיך איצט אין רעוועל, און קאן דעריבער נישט אויסגעהערט ווערען, אין צוזאמענהאנג מיט דער נייער אויספארשונג.

אדוו. עליאש איז א רעליגיעזער יוד און געהערט צו דער „אגודה" ער איז איינער פון די גרעסטע ארץ־ישראל אדוואקאטען.

אגב זאל דער מארגענדיגער אפעלאציע־פראצעס אויך אפגעלעגט ווערען צוליב אן אנדער טעם, נעמליך: צוליב דער ווענדונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ארץ־ישראל אפצולעגען דעם פראצעס, כדי הערמיט נישט צושטערען די טרויער־טעג פון ח. נ. ביאליקס קבורה.

* * *

ווארשא, 15. (טעלעפאניש).

מען מעלדעט, אז דער ווארשאווער ראבינאט זאל היינט ארויסגעבען א קול־קורא צו פאסטען מארגען אין טאג פון סטאווסקיס אפעלאציע.

## צוויי מיליאן יודען קיין ארץ=ישראל

### וויכטיגע ערקלערונג פון געוועזענעם נציב העליון סער הערבערט סעמיועל

לאנדאן, 15. (ספ. טעל.)

א זעהר גרויסען רושם אין די ענגלישע פאליטישע קרייזען האט געמאכט די ערקלערונג, וואס סער הערבערט סעמיועל, דער געוועזענער נציב העליון האט אפגעגעבען אין דער צייטונג „אבזערווער" אז ארץ ־ישראל קאן אין די נאהענטסטע עטליכע יאהר אריינבעהמען א פאר מיליאן יודען, מען ווייזט אן, אז סעמיועל פלעגט כסדר זיין זעהר פארזיכטיג אין באאורטיילען די מעגליכקייטען פון ארץ־ישראל, און דעריבער האט דיין איצטיגע מיינונג אזא גרויסע בעדייטונג עס הערשט די איבערצייגונג אז די ענגלישע רעגירונג וועט מאכען גרויסע פערלייכטערונגען פאר דער יודישער אימיגראציע קיין ארץ ־ישראל.

## נאציאנאל-סאציאליסטען מאכען חושך אין ווין

ווין, 15. (ספ. טעל.)

א גרויסען רושם האט געמאכט אין ווין דאס, וואס אין דער פאריגער נאכט איז אין עטליכע שטאט טיילען פון ווין איבערגעריסען געווארען דער עלעקטרישער שטראם.

די פאליציי מאכט איז זיכער, אז דער אטענטאט איז אדורכגעפיהרט געווארען דורך די נאציס.

## שליסען יוד. יוגענד-פעריינען אין דייטשלאנד

בערלין, 15 (יט״א טעלעגראפיש)

אין בילעפעלד (וועסטפאליען) איז ערשינען א פעראררנונג צו שליסען די יודישע יוגענד־ארגאניזאציעס.

## ארעסטירטע יודען אין הילסבערג

### בעפרייט געווארען פון ארעסט

בערלין, 15 (יט״א טעלעגראפיש)

ווי יט״א דערוואוסט זיך, זענען אלע ארעסטירטע יודען אין הילסבערג בעפרייט געווארען. אין ארעסט איז געבליבען נאר איין יוד לעהמאן.

## אדוו. אונטערמייער וועגן היטלערס לעצטע רעדע

ניו־יארק, 15 (יט״א טעלעגראפיש)

אדוו. אונטערמייער האט ערקלערט, אז היטלערס לעצטע רעדע פערשטארקט דעם גרויזאמען איינדרוק פון זיין בעגאנגענעם פערברעכען.

## 30 פארשטעהער פון ישוב אפגעפאהרען צו בעגעגענען ביאליקס טויטען קערפער

ירושלים, 15 (יט״א טעלעגראפיש)

30 פארשטעהער פון ישוב, זענען אפגעפאהרען צו בעגעגענען ביאליקס טויטען קערפער.

## בריף=אויסטויש וועגען קריגס=אטאשעס אין מאסקווא און לאנדאן

מאסקווע, (ספ. טעל.)

דער קאמיסאר ליטווינאוו און דער אמבאסאדאר פון גרויס־בריטאניען, לארד טשייפסאן האבען זיך געטוישט מיט בריף, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט די הסכמה פוןביידע לענדער מכוחן אריינשטעלען ביי די דיפלאמאטישע אמטען אין מאסקווע און לאנדאן קריגס און פליה אטאשעס.

## ערב אריינטריט פון די סאוויעטען אין דער פעלקער-ליגע

פאריז, 15 (ספ. טעל.)

דער זשענעווער קארעספאנדענט פון דער הוואס־אגענטור, איז מודיע, אז די האלב־אפיציעלע געשפרעכען וועגען אריינצונעהמען דעם סאוויעטען־פערבאנד אין דער פעלקער־ליגע האבען זיך שוין ווייט פאראויסגערוקט.

דער אריינטריט פון די סאוויעטען אין דער ליגע וועט אוודאי געשעהען אויף דער געוועהנליכער סעסיע, וואס וועט זיך אנהויבען דעם 10 סעפטעמבער ה. י.

בערלין, 15 (ספ. טעל.)

דער זשענעווער קארעספאנדענט פון דייטשען אינפארמאציע־ביורא איז מודיע, אז לויט דערווייל נישט פעסטגעשטעלטע קלאנגען, האבען די סאוויעטען בדעה אריינצוטראגען זייער אפיציעלען פארשלאג וועגען אריינעהמען זיי אין דער ליגע שוין אין צוויי וואכען ארום.

Dr.
Wajnberg
ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלערא־זע קראנקהייטען
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אוו.

פאר גאלד,
בריזשוטעריע
און לאמבארד־קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזדאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

קיין ארץ=ישראל
אינפארמירט זיך אין תוצרת ארץ ישראל
שרודמיעסקא 3.
איך בין פון דער טוריסטען־ביורא ביי תוצרת א״י ארויסגעטרעטען.
ד״ר סארנע.

Dr. med.
Haltrecht
צוריקגעקעהרט
ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86
נעמט אן פון 8—11 מיטאג און פון 5—9 אוונט
זונטאג פון 10—1 בייטאג.
אלע ארט אנאליזען.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן

אויערן, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.) ווי אויך אמבולאטארישע פון 11—2 און פון 5—8 אוונט.

